# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:27
מוצאי שב"ק.....................8:58

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................ירמיה כ"ח-כ"ט
בבלי..............................יומא י"ג
ירושלמי..............כתובות ל"ח
תוספתא.........................פרה ז'
רמב"ם......מאכלות אסורות ח'


פרשת אחרי קדושים, י"ב אייר, אבות פרק ג', כ"ז לעומר, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 31 (496)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'.** וָואס אִיז דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן אִין אֵיין פָּסוּק ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוּן עֶר ווִיל אַז מְ'זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, זַיינֶע רֵייד זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר זֶען סְ'זָאל זַיין גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער, עֶר זָאל רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן ווִי מְ'רַייסְט אִים אַרָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ יֶעצְט אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אַז עֶר קֶען נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל צוּגִיסְן נָאךְ זַאלְץ צוּ זַיינֶע וואוּנְדְן, אִים זָאגְן מוּסָר אוּן אִים נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן. דָאס רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי אוּן דָאס וֶועט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, "קֶענְסְט נָאךְ יָא מַצְלִיחַ זַיין, הָאסְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִיר", דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ לִיבּ צוּ הֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צ"א) ווִי אַזוֹי סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְהַאלְטְן, "הֲיִתָּכֵן אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי אוּן אַזוֹי ?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיר טְרֵייסְטְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אָבֶער אַז אִיר קוּמְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן, גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט !" [זֶע אִינֶעוֵויינִיג דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת].

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין נָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען ? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז דָאס אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין "דַעַת", מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אוּן אוֹיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד, זֵיי וַוייזְן פַאר יֶעדְן אַז סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג צוּ סוּקְסֶעס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ** זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין רְכִילוּת, דָאס אִיז דָאךְ דִי פַּארְקֶערְטֶע פוּן רֶעדְן גוּטְס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן. נָאר פַּארְקֶערְט, זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין **לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ**, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא ד:) וֶוערְט דֶער מֹחַ אָנְגֶערוּפְן "תְּרֵין רֵעִין דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין", דוּ וֶועסְט מַאכְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט צֶעדְרוּקְט וֶוערְן פוּן צוּפִיל בְּלוּט, וָואס דָאס פַּאסִירְט וֶוען מְ'זוּכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, רֶעדְן נָאר שֵׁיין אוּן גוּט צוּ יֶעדְן אִיד, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן יֶעדֶער וֶועט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשס"ד)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחָק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָשׁ אַזוֹי ווִי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁרַייבְּט אַייךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַייךְ גוּט, שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי לִיסְט ; רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן זֶען אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן זֶען ווִי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, ווִי גוּט עֶס אִיז צוּ פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן ; אָן דַאנְקֶען אִיז מֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן נָאר פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר פַּארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר גְרוֹיס דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען ; אַנְשְׁטָאט מִיר זָאלְן זֶען דִי נִיסִים, דִי חֲסָדִים אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, וָואס עֶר טוּט אַלְץ פַאר אוּנְז - טְרַאכְט מֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה טְהֽרָה תשפ"א)

# פֶּסַח שֵׁנִי – אִיךְ וִויל אוֹיךְ

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" – פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייניִגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשְּׂכֵל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָש יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְּׂכֵל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְש לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶען אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם. אָבֶּער דֶער אֶמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

>>>>>>

וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוּעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פְּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוּעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פוּעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

## שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוֹן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִינְ אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קג)

שצח

אִין דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב הָאט דֶעמָאלְט גֶעוואוֹינְט אַ חָשׁוּבֶער אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז עֶר אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן דֶעם בַּאקַאנְטְן גָאוֹן וְצַדִיק, רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זי"ע, וָואס אִיז גֶעוֶוען רַב אִין דִי דְרֵיי גְרוֹיסֶע קְהִלוֹת שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ, אוּן מָאהְלִיב. אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז דֶער אֵיידֶעם וֶועט אִים אִיבֶּערְנֶעמֶען דָאס רַבָּנוּת.

דֶער גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד אוֹיף חֲסִידוּת, עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער קֶעגְן חֲסִידוּת אוּן חֲסִידִים, דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוואוּסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן מִיט דִי חֲסִידִישֶׁע אִידְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

אָבֶּער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זֶענֶען אַלְץ צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּאַוַוייזְן אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִיד, זֶענֶען יָא גָאר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל רֶעדְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן פּוֹעלְ'ן בַּיי אִים, סְפֶּעצִיעֶל זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן צְוִוישְׁן חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאהְרְן צוּ חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס.

עֶר אִיז גֶעפָאהְרְן צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זי"ע, צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמֶענִיץ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' פוּן לִינִיץ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שָׁלוֹם פוּן פְּרָאהבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב פוּן חְמֶעלְנִיק זי"ע, דִי אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען.

צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט חֲסִידִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע, אוּן עֶר אִיז אַסַאךְ גֶעפָאהְרְן צוּ אִים.

זַיין דָארְשְׁט אוּן גְלוּסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטִילְט, זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט דָאךְ פַארְמָאגְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶער מֹחַ אוּן אַ בְּרֵייט הַארְץ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע חֲבֵרִים זַיינְ'ס גְלַייכְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפוּנֶען קַיין גֶענְצְלִיכֶע בַּאפְרִידִיגוּנְג פַאר זַיין גְלוּסְטֶעדִיגֶע נְשָׁמָה.

כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען מֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתְ'עֶלֶע", פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען דִי חֲסִידִים נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּם הַארְצְן פַאר רֶבִּי נָתָן.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן דִי חֲסִידִישֶׁע וֶוערְטְשַׁאפְט וִוי מְ'פַארְבְּרֶענְגְט מִיט סְעוּדוֹת אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אִין דִי צַייט וָואס מְ'פַארְבְּרֶענְגְט אוּן מְ'שְׁמוּעֶסְט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת ה', אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סִיפּוּק דֶערְפוּן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי זֵיי אוּן זַיין אַן אֱמֶתְ'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי יֶעדְן צַדִיק בַּאזוּנְדֶער, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי דָאס צוּ קֶענֶען דֶערְגְרַייכְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהַאט פִילֶע עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, אוּן אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן מִיט חֲסִידִים, תַּלְמִידִים פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע, בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן מְ'הָאט גֶעוָוארְפְן גוֹרָל וֶוער סְ'זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְל, דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן דִי בֵּייגְל.

אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט פוּן זַיינֶע עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, עֶר אִיז ווִידֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט מִיט זַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶס אִיז אִים אַרַיינְקוּמֶען שְׁטַארְקֶע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן, "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?! צוּ קוֹיפְן בֵּייגְל?!", עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר אוֹיסְצוּהֶערְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת כְּסֵדֶר. עֶס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין אַ גָרוּשׁ שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָאר, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל בַּיים צִיוּן הַקָדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

וֶוען אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מִיר עֶס אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ יוֹצֵא גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעבֶּעטְן, אוּן אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

אוֹיךְ וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אַלֶעס זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען דָאס אַמָאל נָאךְ זִיךְ שְׁטַארְקֶן דִי נִסְיוֹנוֹת נָאךְ מֶער לְכָבוֹד דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. דָאס אִיז דָאךְ גַן עֵדֶן, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא; וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן מֵעֵין דְמֵעֵין פוּן עוֹלָם הַבָּא, מֶען שְׁפִּירְט גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַסַאךְ מָאל וִוי קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס מִיט אַלֶעמֶען.

דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁפִּירְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת וִוי מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס; עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן וָואס עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס רוּקְט זִיךְ, נָאכְדֶעם הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ה, יב).

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ רֶעד וַוייטֶער יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יָא גֶעפִילְן, נִישְׁט גֶעפִילְן, - דָאס אִיז נִישְׁט דִי זַאךְ, דֶער עִיקָר אִיז טוּן אוּן טוּן אוּן טוּן.

דֶער סַמֵ״ךְ מֶ״ם הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג, עֶר זוּכְט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אָפְּקִילְן פוּן דִי עֲבוֹדָה, אֵיינְמָאל מַאכְט עֶר טְרַאכְטְן 'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס', אַ צְוֵוייטֶע מָאל מַאכְט עֶר טְרַאכְטְן 'מֶען הֶערְט יָא אוֹיס; נוּ, דַארְף מֶען דָאךְ מֶער רֶעדְן', עֶר מַאכְט שְׁפִּירְן וִוי עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ' וְכוּ', אַבִּי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן דִי נִסְיוֹנוֹת שְׁטֶערְקֶער; דָאס אִיז נִישְׁט וָואר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען נִסְיוֹנוֹת, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר בִּיטֶער, פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן נָאר דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת. אַוַדַאי אִיז דָאס נִישְׁט גֶעשְׁמַאק, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס אַלֶעס, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וֶוער מֶען אִיז, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וִוי וַוייט מֶען אִיז; דָאךְ דַארְף מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א', סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): ״וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם״, אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס נָאר דוּרְךְ וִידּוּי דְּבָרִים, נָאר וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאג אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר אַלֵיינְס, אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע עוֹנְשִׁים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

גֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אִין דִי צַוָואָה, סַיי פַאר בָּחוּרִים אוּן סַיי פַאר מֵיידְלֶעךְ, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט רוּעֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן בִּכְלָלִיּוּת פַאר אוּנְז אַלֶע שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא״שׁ דֶעם לָשׁוֹן (צַוָּאַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת ה): ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידֶל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה טָהֳרָה תשפ״א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דער ראש ישיבה שליט״א וועט אי״ה ווילן אויף יו״ט שבועות אין קרית ברסלב ליבערטי

די איינוואוינער פון שטעטל קרית ברסלב ליבערטי נעמען אויף מיט גרויס פרייד די נייעס אז דער ראש ישיבה שליט״א פלאנט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו ווילן ביי זיי אין שטעטל אויפ'ן קומענדיגן יום טוב שבועות הבעל״ט.

פילע אנשי שלומינו וואס האבן קיינמאל פארפאסט א שבועות מיט'ן ראש ישיבה אין וויליאמסבורג ווילן אויך היי יאר נישט אויפגעבן דעם געהויבענעם געשמאקן שיינעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה, און מעלדן זיך איין ביי די איינוואוינער וואס זענען וואויל באקאנט מיט זייערווארימע הכנסת אורחים.

וואך איין וואך אויס איז דער שטעטל פול מיט פילע געסט וואס קומען באזוכן דעם שיינעם פלאץ און האלטן מיט א שבת אין קרית ברסלב ליבערטי, און זיי קענען זיך נישט גענוג אפווינדערן פונעם שיינעם און ריינעם שטעטל, ווי אלע לעבן א פשוטע און פרייליכע לעבן, און לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן. זיי קוקן צו מיט וואונדער ווי אלע איינוואוינער לעבן מיט אזא שטארקע אחדות, יעדער איז מחזק איינער דעם צווייטן, יעדער העלפט ארויס איינער דעם צווייטן, מ'נוצט אויס די צייט מיט רעדן צום אייבערשטן און מיט לערנען תורה, מיט א שמחה און חיות מיט גרויס געשמאק.

צוליב וואס עס ווערן ערווארטעט א ריזיגער פלייץ פון פילע אנשי שלומינו פון איבעראל וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם יום טוב אין שטעטל, איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען מיט א רוף צו די איינוואוינער אין קרית ברסלב אז מען זאל נאך מער און נאך ברייטער עפענען די טירן און אריינעמען וויפיל געסט נאר מעגליך אויף יום טוב.

עס האט זיך פארמירט א "וועד האש"ל" אין שטעטל, וואס געבט זיך אפ מיט אלעם נויטיג צו קענען אויפנעמען די געסט מיט אלע געברויכן, ווי גענוג בעטן, צימערן, עסן, און אזוי ווייטער. מען ארבעט אינאיינעם מיטן בית התבשיל, מיט די הנהלה פון שטעטל, מיט די באזאר אין שטעטל, צוצושטעלן אלעס וואס פעלט נאר אויס.

אזוי אויך האבן זיי גענומען אויף זיך די אויפגאבע אז אלע אנשי שלומינו וואס ווילן קומען אויף יום טוב, און זוכן אן אכסניא, וועלן זיי בעז״ה צושטעלן פיינע דירות פאר די אלע משפחות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע תורה פון פריש, זיך באנייען און זיך שטארקן צו לערנען און מקיים זיין די הייליגע תורה.

**עליונים ששו ותחתונים עלזו, בקבלת תורה מסיני!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **סענדי ראטה** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו״ה **מאטי הערצאג** הי״ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## ל״ג בעומר

שיעורים און דרשות, מעשיות פון קינדער, און נאך, איבער דעם גרויסן טאג ל״ג בעומר.
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 7**




## עצתו אמונה ביי אייער טיר

סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
**718-387-2691 #3**
**subscribe@kerenhadfusa.org**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לע״נ רבי יהודה צבי ב״ר משה ז״ל, ובמאנסי ע״י מו״ה מאטי גפן הי״ו



< BreslevCenter.com >